STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09850

MAYN LEBN UN SHTREBN

Mordecai Kuper

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיין לעבן און שטרעבן

מיין לעבן און שטרעבן

פון מרדכי קופּער

אַרויסגעגעבן פון ענאַ קופּער

ניו־יאָרק, 1949

25

Copyright 1949
By ANNA COOPER,
New York, N. Y.
Printed in U.S.A.

אינהאַלט:

זייט
בילד פון מרדכי קופער — — — — — — — — — — — — 7

אַ פּאָר ווערטער צו דער ביאָגראַפיע פון מרדכי קופער
— פון ענא קופער — — — — — — — — — — — — — 9

די אויטאָביאָגראַפיע פון מרדכי קופער — — — — — — — — 13

מיין שטעטל — — — — — — — — — — — — — — 37

בילד פון ענאַ קופער — — — — — — — — — — — — 47

⁂ — — — — — — — — — — — — — — — — — 49

צוויי לידער פון ענאַ קופער — — — — — — — — — — 55

ליד פון דייוויד יוזשעניק — — — — — — — — — — — 61

מרדכי קופּער

אַ פּאָר ווערטער צו דער ביאָגראַפיע פון מרדכי קופּער

אַט ליגן זיי פאַר מיר די בלעטער געשריבן פון אים אַליין, פון מיין אומפאַרגעסלעכן פריינט און מאַן, מרדכי קופּער. מעגלעך, אַז פאַר דעם פרעמדן מענטשן וועט עס נישט זיין אַזוי ליב און טייער, ווי פאַר מיר, אָט־די דאָזיקע לעבנס־באַשרייבונג פון מרדכי׳ן, דאָך בין איך זיכער, אַז זייער פיל וועלן אין די דאָזיקע באַשרייבונגען אויך זייער אייגענע יוגנט דערזען, און זיך אַליין דערקענען און וועלן דערביי טראַכטן: „איך האָב דאָס אויך איבערגעלעבט, פּונקט ווי ער וואָלט מיין יוגנט באַשריבן!"

ווען איך אַליין לייען די קורצע, אמת׳דיקע שילדערונגען און איבער־לעבונגען פון זיין קינדהייט און יוגנט, בין איך טיף גערירט פון זייער אױפריכטיקייט, און זיין געשטאַלט שוועבט פאַר מיינע אויגן ווי אַ לעבע־דיקער.

אָט זע איך אים אין דעם קליינעם פּוילישן שטעטל, אין זיין אָרי־מער היים — אַ קליין אינגל. אָט גייט ער אין אַ פאַרשנייטן אָזונט מיט זיין פאַפירענעם לאַמטערן אַהיים פון חדר. אָט זע איך אים אין זיין יוגנט, ווי ער פאָרט פון שטעטל־צו־שטעטל אין די ישיבות. איך זע אים אויך ביי דעם פרעמדן טיש זיצן און עסן דעם הונגעריקן „טאָג". דאַכט מיר, איך דערזע ווי עס פינקלט אַ טרער אין זיינע אויגן און דערנאָך, שפּעטער און ווייטער, די פאַרלאָזטע היים — די ווייטע אַמעריקע.

די גרויסע דורשט צו בילדונג, עפּעס צו דערגרייכן, עפּעס אויפטאָן פאַר דער ליידנדיקער וועלט, פאַר דעם אַרבעטער און פאַר די ברייטע פאָלקס־מאַסן, האָט פאַראורזאַכט זיין פולשטענדיקע איבערגעגעבנקייט צו דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג.

מיין לעבן און שטרעבן

פאַר יעדער אָרגאַניזאַציע, וואָס ער האָט פאַרטראָטן, האָט ער געטראָגן אירע זאָרגן, ווי פאַר אַן אייגענעם און נאָענטן, און אַזוי דורך זיין גאַנץ קורצן לעבן. אַ סך מי האָט ער געדאַרפט אָנווענדן אין דעם קאַמף מיט דער נויט, אָבער אין דער שווערסטער צייט פון זיין לעבן האָט ער זיך ניט באַגרענעצט מיט אָפּגעבן זיך נאָר מיט פּערזענלעכע אינטערעסן. דער כלל איז ביי אים געשטאַנען העכער ווי זיין אייגענער איך.

זיין שווערע קראַנקהייט, וואָס האָט אים געמאַטערט און פאַרצערט, האָט בשום־אופן נישט אָפּגעשטעלט זיין טעטיקייט פאַר די ליידנדיקע, און ביז זיינע לעצטע טעג איז זיין געדאַנק געווען הילף פאַר די פאַרוואָגלטע, און זיין אידעאַל איז געווען: אַ ליכטיקע און בעסערע צוקונפט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

און ווער עס וועט לייענען זיין קורצע ביאָגראַפיע, וואָס ער האָט באַשריבן אַזוי איינפאַך, אַזוי אויפריכטיק, וועט אים דערזען לעבעדיק פאַר זיך מיט זיין ליכטיקן גייסט, יענעמס האַרץ וועט דורכנעמען אַ טיפער באַדויער פאַר דעם קורץ־אָפּגעשניטענעם, נישט אויסגעלעבטן לעבן. זיין אויג וועט זיך אָנפילן מיט אַ הייסער טרער, און לאַנג וועט ער אים געדענקען; און דער וואָס וועט די ביאָגראַפיע דורכלייענען, וועט זאָגן: ערע זיין אָנדענק!

זיין פרוי **ענא קופער.**

די אויטאָביאָגראַפיע
פון מרדכי קופּער

די אויטאָביאָגראַפיע פון מרדכי קופער

די פריסטע דעראינערונג פון מיין קינדהייט איז דאָס פינפטע אָדער זעקסטע יאָר פון מיין לעבן. איך קען זיך קוים דערמאָנען וואָסערע אי־בערלעבונגען דאָס ערשטע יאָר חדר האָט אין מיר אַרויסגערופן. אָבער דאָס צווייטע יאָר, וואָס איז געווען פאַרבונדן ביט מיט טרוקענער „עברי" אַליין, נאָר שוין מיט אַ טייטש, האָט זיך מיר פאַרקריצט אין זכרון. צו־ליב מיינע גוטע פייאיקייטן און חשק צו לערנען, בין איך זייער פרי גע־קרוינט געוואָרן פאַר אַ מתמיד. צו מיין זיבעטן יאָר איז מיין פאָטער אָפגעשטאָרבן. פאַר זיין גסיסה האָט ער אָנגעזאָגט מיין עלטערן ברו־דער, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען דער שפייזער פון דער פאַמיליע, אַז ער זאָל מיך אויף ווייטער אָנהאַלטן ביים לערנען. מיין פאָטער האָט פון מיר דערוואַרט זייער פיל, און זיין לעצטער וואונטש איז געווען, אַז איך זאָל אויסוואַקסן אַ תלמיד־חכם.

דער דרדקי־חדר איז פאַר מיר צו קליין געוואָרן. איך האָב געדאַרפט אַריבערגעפירט ווערן אין אַ העכערן חדר, וואָס דאָס האָט געמיינט מער שכר־לימוד פאַר מיין אָרימער פאַמיליע, און דאָס איז נישט געווען אַזוי גרינג.

דער תקיף פון שטעטל וואַרפט מיר אַרויס פון חדר

אין שייכות מיט דעם געדענקט זיך מיר אַן עפּיזאָד, וואָס האָט זיך טיף איינגעקריצט דאָן אין מיין קינדערשער נשמה. אַ נייער חדר איז גע־גרינדעט געוואָרן. ביים אויפנעמען די קינדער, בין איך אויך אַריינגע־רעכנט געוואָרן, אָבער, ווען מיר האָבן זיך דעם ערשטן טאָג פאַרזאַמלט

מיין לעבן און שטערבן

אין חדר, איז אַריינגעקומען דער פֿאָטער פֿון איינעם פֿון די אינגלעך און האָט באַטראַכט די תלמידים. נאָכן „אַסמאַטער" האָט ער זיך עפּעס געגנור־מען סוד'ען מיטן רבי'ן. ווען מיר האָבן געהאַלטן ביים גיין אַהיים האָט דער רבי מיר געהייסן מער אין חדר נישט קומען. ווייזט אויס, אַז אַזוי האָט יענער בעל־הבית געוואָלט. דער רבי, כאָטש נישט שטאַרק צופרידן פֿון דעם, האָט זיך געמוזט אונטערוואַרפֿן, ווייל דער דאָזיקער איד איז געווען אַ תקיף אין שטעטל.

איך בין יענעם זמן אין קיין חדר שוין מער נישט געגאַנגען, און כ'האָב אַרומגעבלאָנקעט צווישן גאַס און בית־המדרש. די בית־מדרש בחורים האָבן, אָבער, אויף מיר רחמנות געהאַט און געלערנט מיט מיר צוביסלעך.

אויפֿן קומענדיקן זמן בין איך פֿאַרט אָנגעקומען צום זעלבן מלמד, און דווקא געלערנט צוזאַמען מיט צוויי אינגלעך פֿון דעם בעל־הבית, ווע־מען ס'איז נישט אָנגעשטאַנען, אַז איך זאָל לערנען אין דאָזיקן חדר. איך בין גיך געוואָרן איינער פֿון די בעסטע תלמידים און געהאַט אַביסל נקמה אין דעם בעל־הבית.

קורץ נאָך מיין פֿאָטער'ס טויט האָט מיין עלטסטע שוועסטער חתונה געהאַט. די חתונה איז געווען פֿאַר מיר אַ גרויסע געשעעניש. ערשטנס איז די חתונה פֿאָרגעקומען אין אַ גרויסער שטאָט, צען מייל פֿון אונדזער שטעטל, וואָס דאָס האָט געמיינט פֿאַר מיר — אָנזען אַ וועלט. צווייטנס, האָב איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן אָנגעטאָן אַ שיין מלבוש, כאָטש אינגאַנצן ניי איז עס אויך נישט געווען, בלויז איבערגעניצעוועט פֿון אַן אַלטן בגד, דאָך האָט עס געמיינט זייער פֿיל פֿאַר מיר.

און וואָס האָט פֿאַר מיר געמיינט דאָס טרעפֿן זיך מיט אַזויפֿיל פֿע־

מרדכי קופער

טערס און מומעס, וועלכע כ'האָב פריער קיינמאָל נישט באַגעגנט.

ווען איך בין געווען אין טאַנץ־זאַל, וואו מען האָט געדאַרפט זיין פּאַרזיכטיק אַ טראָט צו געבן, כדי מ'זאָל זיך נישט אויסגליטשן אויף דעם פּאָלירטן דיל, האָב איך זיך באמת געפילט ווי אַ נישט־היגער.

פון מיינע נייע קאָזינס האָב איך קיין צופיל נחת אויך ניט געהאַט: זיי, די גרויס־שטאָטישע, האָבן אויף מיר, דעם פּראָווינציאַל, געקוקט פון אויבן אַראָפּ און נישט געגעבן מיר דעם קבלת־פּנים, וואָס איך, אַלס גאַסט, און מחותן, האָב פון זיי דערוואַרט. די מאָסאָווע סביבה האָט אויך גע־מאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק.

מיין פּאָטער איז געווען אַ מוכר־ספרים'ניק און אַן איינבינדער, דע־ריבער האָבן זיך ביי אונדז אין הויז געפונען פאַרשיידענע רעליגיעזע ספרים, ווי דער קב־הישר, מנורות המאיר און אַנדערע טיף־רעליגיעזע ביכער. און ווי נאָר איך האָב געקענט לייענען עברי, האָב איך זיך מיט אַ שטאַרקן חשק צוגעכאַפּט צו די דאָזיקע מוסר־ספרים, און זייער אינ־האַלט האָט שטאַרק געווירקט אויף מיין קינדערשער נשמה, און כ'האָב זיי געשלונגען מיט גרויס אינטערעס.

די פרומקייט אין מיר איז שטאַרק אויסגעוואַקסן. פאַר אַ לאַנגער צייט האָב איך מיר נישט דערלויבט עסן פרישטיק, איידער איך האָב אָפּ־געזאָגט דעם גאַנצן תהילים. דער חשק צום לערנען איז שוין נישט גע־ווען בלויז כדי אויסצוצייכענען זיך, אָדער אויס נייגעריקייט צום וויסן, נאָר הויפּטזאַכלעך באַווירקט פון רעליגיעזע מאָטיוון: מ'דאַרף לערנען וואָס מער תורה, ווייל אַזוי האָט גאָט געהייסן.

איך ווער זייער פרום

צו מיין צענטן יאָר האָב איך פאַרלאָזט דעם חדר, ווייל אויף שכר־לימוד איז שוין אינגאַנצן נישט געווען.

מיין לעבן און שטרעבן

איך עס „טעג"

מיינער אַן עלטערער ברודער האָט מיך דאַן אַוועקגעפירט אין אַ נאָענטן שטעטל, געשאַפן פאַר מיר טעג, און כ'בין דאָרט געבליבן לערנען. פון דער נאַטור אַ גאַנץ שעמעוודיקער, איז מיר אָנגעקומען מיט מאַטער־ניש דאָס גיין אין פרעמדע הייזער עסן, כאָטש פאַר אַן אומ'כבוד איז עס נישט געווען פאַררעכנט; פאַרקערט, איך האָב זיך נאָך געקענט גרויסן מיט דעם, וואָס מיינע בעלי־הביתים האָבן אַ חלק אין מיין לערנען. דאָך האָב איך געפילט זייער נישט גוט דערפון. אָפט פלעגט מיר אויסקומען צו שטיין הינטער אַ טיר פון מיינעם אַ „טאָג" אַ לענגערע צייט, ווייל כ'פלעג מורא האָבן, אַז דאָס עסן איז נאָך נישט פאַרטיק, און אַז איך קום צו פרי.

אין בית־המדרש גופא איז אָבער געווען פריילעך. צוויי גרויסע טישן באַזעצט מיט בחורים און בחורים'לעך פון מיין עלטער און גרויס — גאַנץ לעבעדיקע קונדסים און איך, כאָטש אַ שעמעוודיקער, האָב דווקא שטאַרק ליב געהאַט קונדס'עריי, ווי למשל: שפרינגען איבער בענק און „באָרען" זיך, וואָס דאָס איז געווען אַ פאַרוויילונג און אַ ספּאָרט פאַר בית־מדרש בחורים.

אויפן צווייטן זמן האָב איך שוין אַליין געדאַרפט אַוועק אין יענעם שטעטל, און אַליין זיך שאַפן טעג און באַזאָרגן זיך מיט אַלץ, אָבער דאָ האָט מיט מיר פּאַסירט אַ זאַך, וואָס האָט אין מיר איבערגעלאָזט אַ טיפן איינדרוק זיך זייער שטאַרק איינגעקריצט אין מיין זכרון; איך בין אַוועק אין אַ פאַר אָנגעגעבענע פלעצער און שנעל געקראָגן עטלעכע טעג. דאַן בין איך אַריינגעגאַנגען צו אַ שניידער אין הויז פרעגן פאַר אַ טאָג אָדער אַ נאַכטלעגער. ביים שניידער האָבן זיך געפונען אַ זעקס אַרבעטער־געזעלן, און אין קיך, וואָס איז אויך געווען אַ וואַרשטאַט, זיינען געזעסן די שניידערין און אַ פאַר פון אירע מיידלעך. און ווען איך האָב געעפנט די טיר, זיינען אַלעמענס אויגן געווען געווענדט צו מיר. כ'האָב זיך אָנגע־

מרדכי קופער

נומען מיט מוט און געזאָגט מיין פאַרלאַנג. איך האָב באַמערקט, אַז מ'האָט אויף מיר געקוקט מיט רחמנות. איינעמס אַ באַמערקונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויפן קול: „אַזאַ קליין אינגל שיקט מען שוין אין דער פרעמד אַריין", האָט אַזוי שטאַרק געווירקט אויף מיר, אַז איך האָב מיך געמוזט איינהאַלטן מיט אַלע כוחות איך זאָל נישט אַרויספּלאַצן אין אַ געוויין. אַלנפאַלס, האָט מען מיר דאָרט צוגעזאָגט אַ טאָג. אָבער ווען כ'בין אַרויס אין דרויסן, איז אַ מיידל פון דעם שניידער'ס הויז, אין מיין עלטער, מיר נאָכגעלאָפן און אַריינגעשטעקט אין מיין האַנט אַ קאָפּיקע. אַט־דאָס איז פאַר מיין סענסיטיווער נשמה געווען צופיל: אַ שטראָם טרערן האָט זיך אַ גאָס געטאָן פון מיינע אויגן. כ'בין אַוועק אין בית־המדרש און דאָרטן אין אַ ווינקל זיך גוט אויסגעוויינט און נאָכדעם איינגעשלאָפן אויף דער האַרטער באַנק. ווען כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט האָט שוין דער עולם אָנגעהויבן צוזאַמען קומען זיך צום דאַוונען.

איך בין אַזוי באַווירקט געווען פון דעם עפּיזאָד, אַז כ'האָב גלייך גענומען אַ פור און געפאָרן צוריק אַהיים. אָבער קיינער האָט נישט געטאָרט וויסן וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט. איך האָב זיך געמוזט באַנוצן מיט אַ ליגן ביי אונדז אין הויז און פאַר אַלע מיינע חברים האָב איך געזאָגט, אַז כ'האָב קיין טעג נישט געקענט קריגן.

יענעם זומער בין איך שוין פאַרבליבן אין דערהיים. צום ווינטער בין איך שוין אין ערגעץ נישט געפאָרן. די מאַטעריעלע לאַגע צו יענער צייט האָט זיך ביי אונדז אין שטוב אַביסל פאַרבעסערט, און איך אַליין האָב אין די אָוונטן אַרויסגעהאָלפן אין דער אַרבעט. דערווייל בין איך געוואָרן אַ גאַנצער בית־מדרש־בחור.

דאָס לעבן אין בית־מדרש האָט געהאַט אין זיך גאַנץ אינטערעסאַנטע און לעבעדיקע מאָמענטן. דאָס לערנען גופא, דער ניגון, וואָס באַ־

מיין לעבן און שטרעבן

גליט דאָס לערנען, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ באַזונדערן חן, און דאָס אויפזיין אַ גאַנצע נאַכט פון צייט־צו־צייט, וואָס איז געווען פאַרבונדן ניט בלויז מיטן לערנען, נאָר אויך מיט אַ לעב־ און אַ הוליע־טאָן אויף אַ בחור׳ישן שטייגער, האָט צוגעגעבן קאָליר צו דעם בית־מדרש לעבן. אַרום דריי פאַרטאָג פלעגט זיך די גאַנצע כאָפּטע בחורים (נאָכדעם ווי איניקע האָבן שוין געכאַפּט אַ דרימל אויף די האַרטע בענק), אַוועק־לאָזן צום בעקער עסן פרישע זעמל, וואָס זיינען נאָר־וואָס פון אויוון ארויס. צווישן אונדז האָט זיך געפונען דעם בעקער׳ס אַ זון, און אין זיין זכות פון תורה־לערנען, האָבן מיר באַקומען פרישע זעמל.

אין מיין מאַמעס געבורטס־שטעטל

דאָס צווייטע שטעטל ג., וואוהין איך בין געפאָרן לערנען, איז גע־ווען מיין מאַמעס־געבורט־שטאָט. דאָרטן האָבן געוואוינט צוויי פון מיינע פעטערס מיט מומעס און אַ סך קאָזינס. פון אומעטיקייט און בענקשאַפט איז שוין קיין רייד נישט געווען. פאַר מיינע טעג האָט זיך שוין געזאָרגט איינער פון מיינע פעטערס, און סטאַנציע האָב איך טאַקע געהאַט ביי אים אַליין. ער איז געווען דער שמש פון שטעטל. כאָטש אַליין אַ גרויסער אָרימאַן, איז אָבער זיין הויז געווען ברייט אָפן פאַר יעדן איינעם פון דער משפחה.

דער צווייטער פעטער, כאָטש אַ נגיד, איז שוין מיר נישט געווען אַזוי צום האַרצן, און כ׳פלעג זיין הויז באַזוכן בלויז פון יוצא־וועגן.

מיין אָרימער פעטער, דער שמש, פלעגט מיך באַהאַנדלען באַזונדער איידל. אַליין אַ פרומער, האָט ער, ווייזט אויס, געוואָלט דערלעבן נחת פון זיין שוועסטער׳ס אינגל. זיינע אייגענע קינדער האָט ער ביים לער־נען נישט געקאָנט איינהאַלטן.

אין דעם דאָזיקן שטעטל האָט דער רב געפירט אַ ישיבה, געלערנט

מרדכי קופער

מיט היימישע און פרעמדע בחורים, און, פאַרשטייט זיך, מחדש געווען, געשריבן טאַקע אַן אייגענעם ספר. איך בין אין דער ישיבה נאָך בישט אַריינגענומען געוואָרן, מחמת מיינע ידיעות אין לערנען זיינען נאָך גע־ווען אַביסל באַגרענעצט, אָבער דעם רבי'ס תורה האָט שוין געהאַט אַן איינפלוס אויף מיר, ווייל ערשטנס איז די תורה איבערגעזאָגט געוואָרן אין בית־מדרש צווישן די עלטערע בחורים, אַוואו כ'האָב געהאַט אַ גע־לעגנהייט זיך צוצוהערן; צווייטנס, בין איך גלאַט געווען אַפּט אַ פרייער צוהערער.

סיי־ווי־סיי, ווען איך בין אויף ראש־השנה אַהיים געפאָרן, האָב איך געפירט מיט זיך עטלעכע פשט'לעך — חדושי תורה פון דעם רב — און מיט אָט־די פשט'לעך האָב איך זיך געקאָנט גרויסן קעגן מיינע חברים־בחורים פון אונדזער שטעטל. זיי האָבן טאַקע אויף מיר אָנגעהויבן קוקן פון אונטן אַרויף. פאַר איין פשט'ל, דאַכט זיך, האָב איך אַפילו באַצאָלט אַ געוויסע מטבע צו אַ בחור, וואָס האָט מיך דאָס אויסגעלערנט. איך האָב אויך פאַרגעזעצט לערנען אין יענעם שטעטל דעם קומענדיקן ווינטער.

צום זומער האָב איך באַשלאָסן פאָרן לערנען אין אַ נעענטערער גרויסער שטאָט, וואו ס'קומען זיך צוזאַמען הונדערטער בחורים. די שטאָט איז געווען ק. אָבער אויפן וועג צו דער דאָזיקער שטאָט האָט מיט מיר פאַסירט עפּעס, וואָס האָט מיר געגעבן אַ שטויס אין אַן אַנדער ריכ־טונג. אויפן שאַסיי, בעת כ'האָב געוואַרט אויף אַ פור, וואָס האָט מיך גע־דאַרפט ברענגען אין ק., האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ אידן, וואָס האָט דורכאויס געוואָלט וויסן וואוהין איך פאָר. און ווען כ'האָב אים גע־זאָגט מיין ציל, האָט ער מיך שטאַרק גענומען אָפּריידן פון דעם. די שטאָט ק. איז איבערגעפילט מיט בחורים, האָט ער גע'טענה'ט, און פאַר מיר וועט דאָרט זיין אוממעגלעך צו קריגן טעג. ער האָט מיר געראָטן,

מיין לעבן און שטרעבן

אַז איך זאָל זיך אָפּשטעלן אין אַ נאָענטן קלענערן שטעטל, וואו דער רב אַליין לערנט מיט די בחורים.

כ'האָב אַזוי געטאָן, און אָנקומענדיק אין שטעטל, בין איך אַוועק אין בית־המדרש אַריין און עפּעס אַ גליקלעכער צופאַל האָט מיך געטראָפן יענעם פרימאָרגן. אין בית־מדרש האָבן זיך געפונען בלויז אייניקע מענטשן, ווייל ס'איז געווען נאָך פאַרן דאַווענען. מען האָט מיך באַלד גע־נומען פאַנאַנדער פרעגן פון וואַנען איך קום און ווער איז מיין משפחה. כ'האָב זיי געזאָגט ווער איך בין, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איינער פון זיי קען גרינדלעך מיין גאַנצע משפחה, ווייל ער האָט געלערנט אַמאָל ביי מיין זיידן אין חדר און געדענקט גוט מיין מאַמען. דער דאָזיקער איד האָט זיך מיט מיר פאַראינטערעסירט, געגעבן מיר אַ פּלאַץ צום שלאָפן ביי זיך אין הויז און געהאָלפן מיר שאַפן טעג.

דער עילוי פון שטעטל

די אַטמאָספערע פון בית־המדרש איז געווען אַזעלכע, וואָס האָט מיך גלייך פאַרכאַפּט. די צאָל בחורים, וואָס האָבן דאָרטן געלערנט איז גע־ווען אַ גאַנץ באַגרענעצטע. אַ חוץ מיר האָבן דאָרטן געלערנט 3 פרעמ־דע בחורים: צוויי פון זיי האָבן מיט קיין זאַך זיך נישט אויסגעצייכנט; דער דריטער, אָבער, האָט געהאַט אויף זיך אַ עילוי'שן קאָפּ מיט אַ סך וויסן. דער בחור האָט געהאַט אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן צו דערציילן פון זיין פאַרגאַנגענהייט. דאָס וואָס ער האָט דערציילט האָט געקלונגען ווי מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט.

דערציילט האָט ער, אַז ביז 13 יאָר איז ער דערצויגן געוואָרן כמעט אין אַ גוי'איש הויז, אוואו קיין ברעקל אידישע דערציאונג האָט ער נישט באַקומען. צו זיין דרייצנטן יאָר האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון דאָרטן און איצט, אינגאַנצן צו זיבעצן יאָר, איז ער אָנגעזאָפּט מיט תורה ווי אַ מיל־גרוים מיט קערנער. דאָס שטעטל האָט גע'רעש'ט מיט אים.

מרדכי קופער

צי די מעשיות זיינע זיינען געווען אמת'ע, צי אויסגעטראַכטע, ווייס איך נאָך ביז היינטיקן טאָג נישט. סיי־ווי־סיי איז אָבער דער בחור גע־ווען אַן אינטערעסאַנטער טיפּ און האָט געהאַט אַ טיפע ווירקונג אויף מיין ווייטערן לעבן.

געווען נאָך אַ בחור פון מיין שטעטל, וואָס איז געווען האַלב ישיבה־בחור און האַלב־סוחר. דער בחור, דער עילוי, האָט געהאַט ביי דעם היי־מישן בחור'ס עלטערן סטאַנציע און איך האָב געגעסן ביי זיי אַ טאָג, און עס איז במילא געשלאָסן געוואָרן אַן ענגער בונד צווישן אונדז דריי.

דער שלייער פון ראָמאַנטיק, וואָס איז מיר ביז יענער צייט נאָך פרעמד געווען, האָט זיך פאַר מיר צוביסלעך אויפגעהויבן.

אַ קליינע מחיצה האָט אָפּגעטיילט די בעטלעך, וואו דער עילוי מיט זיין פריינט און דעם פריינט'ס שוועסטער מיט אירער אַ קוזינע זיינען גע־שלאָפן, און דער באַדן פאַר ראָמאַנטישקייט איז צוגעגרייט געוואָרן. דער עילו האָט זיך פאַרליבט אין דער קוזינע, וואָס איז געווען אַ גאַנץ ראָמאַנ־טישע מיידל, כאָטש זי האָט געשטאַמט פון אַ קאָצקער חסיד. און אַ מערקווירדיקע זאַך: איך, כאָטש איך בין געווען מיט אַ פּאָר יאָר אינגער פון אים (וואָס דאָס האָט געמיינט אַ סך אין יענער עלטער), דאָך האָט דער בחור מיך אויסגעקליבן פאַר זיינעם אַ פאַרטרויאונגס־פריינט, מיר גע־וויזן די בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו יענער מיידל און געצייגט מיר אירע ענטפערס. ער האָט זיך אויך געראָטן מיט מיר אין אַלע הינזיכטן, כאָטש אין ליבע־ענינים בין איך נאָך געווען גאַנץ הינטערשטעליק. די שיינע טיטולן אין זיינע בריוו צו דער מיידל, געשריבן אין פאַרשיידענע שפּראַכן, ווי דייטש, פּויליש, פראַנצויזיש, האָבן מיך פאַרכאַפּט און גע־שטעלט אים אומגעהויער גרויס אין מיינע אויגן.

דער ראָמאַן פון דעם דאָזיקן בחור האָט באַווירקט מיין נשמה און צו־

מײַן לעבן און שטרעבן

ביסלעך האָבן ראָמאַנטישע געפילן גענומען אויך אַרײַנדרינגען אין מײַן האַרצן. כ'האָב זיך צוביסלעך פאַרליבט אין דעם רב'ס מײדל, וואָס איז געווען אין אײן עלטער מיט מיר; נאַטירלעך, האָט זי פון דעם גאָרנישט געוואוסט. כ'פלעג בלויז אויסדריקן מײַנע שטאַרקע געפילן בײַם זאָגן „שיר־השירים" אין בית־מדרש פרײַטיק נאָכמיטאָג מיט גרויס פּאַטאָס. כ'פלעג די גאַנצע צײַט פון „זאָגן" אין זינען האָבן דעם רב'ס מײדל, וואָס דער קלאַנג פון איר נאָמען האָט מיך באַצויבערט.

געלערנט האָבן מיר אַלע בחורים בײַם רב, וואָס איז געווען אַ טשי־קאַווער טיפּ: זיך נישט געקענט קאָנטראָלירן און אָפט צוגעזונגען זיך: „איך בין סטאַווישינער רב". דער רב האָט פאַרמאָגט פינף טעכטער. אין אײנער בין איך געווען פאַרליבט און צו איר טאַקע פלעג איך אויסגיסן מײַן האַרץ אין די תפילות.

די עלטסטע פון דעם רב'ס טעכטער איז שוין געווען ראוי לחופה, און דער רב האָט געוואָרפן אַן אויג אויפן עילו, אָבער דער בחור האָט געפירט אַ ראָמאַן מיטן קאַצקער חסיד'ס טאָכטער און האָט מיטן רב נישט געלעבט שוה־בשוה.

דער רב האָט גענומען נאָכשפּיאָנירן דעם בחור און זײַנע טעכטער האָבן אים אין דעם אַרויסגעהאָלפן. אײנמאָל אין אַ שבת נאָכמיטאָג האָט מען געעפנט דעם בחור'ס קעסטל, וואָס איז געשטאַנען אויבן בײַם שמש, און מ'האָט דאָרט געפונען אַלע ליבע־בריוו.

מוצאי שבת האָט דער רב צוזאַמענגערופן די חשוב'סטע בעל־הבית־ים און צווישן זײ אויך דעם פאָטער פון דער מײדל, און בקול־רם פאַר־געלײענט די בריוו. געלײענט האָט ער זײ אַזוי ווי ער אַלײן וואָלט גע־ווען דער שרײַבער. די זאַך האָט זיך געענדיקט מיט דעם, וואָס דער בחור האָט געמוזט פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

מרדכי קופער

אויף אונדז, די איבעריקע בחורים, האָט מען אויך אָנגעהויבן קוקן מיט אַנדערע אויגן, און דאָ האָט זיך צוגערוקט אַ צווייטער אינצידענט. עס איז געקומען צו פאָרן אין שטעטל אַ פרישער בחור, וואָס האָט פאַרמאָגט אין זיך צייכנס פון משוגעת. מיר, די אַלטע בחורים, האָבן זיך גענומען אַביסל פריילעך מאַכן איבער אים. עס האָט נישט לאַנג גענומען און דער בחור איז פולשטענדיק משוגע געוואָרן. אין שטאָט האָט מען גענומען באַשולדיקן די ישיבה־בחורים אין זיין משוגעת.

פרייטיק־צו־נאַכט, ווען דער עולם איז געווען אין שול, האָט מען וועגן דעם ענין גערעדט. איך האָב דערוואַרט, אַז איינער אַ בעל־הבית, אַ חסיד, זאָל מיך אַהיים נעמען אויף שבת, אָבער אַזוי ווי די אַטמאָספערע אין שול איז צוליב דעם אינצידענט מיטן משוגע־געוואָרענעם בחור געווען אַן אָנגעצויגענע, האָב איך זיך באַהאַלטן הינטערן אויוון און פאַרשטיקט אין זיך געוויינט. איינער אַ חסיד האָט זיך דאָך דערבאַרימט אויף מיר און מיך גענומען צו זיך אַהיים אויף שבת. ער האָט באַוויזן אַזויפיל טאַקט און איידלקייט, אַז ער האָט וועגן דעם גאַנצן ענין מיט מיר נישט גערעדט. סיי־ווי־סיי איז די אַטמאָספערע אין שטעטל פאַר פרעמדע בחורים ענג געוואָרן און צום קומענדיקן זמן האָט מען געדאַרפט טראַכטן וועגן אַן אַנדער שטאָט צום לערנען.

זדונסקא־וואָליאַ

דער קומענדיקער עטאַפּ אין מיין ישיבה־בחור׳ישן לעבן איז געווען די שטאָט זדונסקאַ־וואָליאַ. די דאָזיקע שטאָט האָט פאַר מיר אויפגעדעקט אַ נייעם לעבן און מיך אַריינגעצויגן אין גאָר אַן אַנדער אַטמאָספערע.

דאָס אידישע לעבן אין דער שטאָט איז געווען צעטיילט אויף צוויי עקסטרעמען: פּראָסטע בעל־מלאכות אָדער נידעריקע שיכטן, און חסידים און לערנער. צווישן די צוויי קלאַסן האָט געהערשט אַ שטאַרקע מחיצה,

מיין לעבן און שטרעבן

וואָס האָט דערגרייכט ביז האַס און פאַראַכטונג פון איין צד צום אַנדערן.

די לערנער האָבן געקוקט אויף דעם קלאַס בעל־מלאכות ווי אויף נידעריקע באַשעפענישן, וואָס זיינען נאָר שטיף־קינדער ביי גאָט און וואָס האָבן נישט די זכיה צו פאַרשטיין גאָט'ס תורה. די בעל־מלאכות, ווידער, האָבן געפילט אַ געוויסע פאַראַכטונג צו די פאַנאַטישע לערנער, וואָס זיי־נען נישט פּיאַיק צו קיין אַרבעט, נאָר בלויז צו קוועטשן די באַנק . . .

די דאָזיקע קלאַסן־צעטיילונג, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ טייל אידיש־פּוילישע שטעטלעך, האָט אין זדונסקא־וואָליאַ דערגרייכט איר עקסטרעם. אָבער אויך צווישן חסידים האָבן געהערשט צעטיילונ־גען. חסידים פון פאַרשיידענע רביים האָבן געהאַסט איינער דעם אַנדערן און שטענדיק געווען גרייט אַנצופאַלן איינער אויפן צווייטן.

דער בית־מדרש, וואו מיר איז אויסגעקומען צו לערנען, איז אויך געווען צעטיילט אויף צוויי מחלקות. איין זייט איז געווען פאַרנומען פון גערער בחורים, די צווייטע — פון אַלעקסאַנדער־בחורים.ביידע האָבן זיך כמעט נישט געמישט איינער מיטן אַנדערן, נישט גערעדט צווישן זיך, און ביי מאַנכע צופאַלן, ווען ס'פלעגט אַרויסקומען אַ סיכסוך צווישן אַ בחור פון איין גרופּע מיט איינעם פון דער צווייטער גרופּע, פלעגט דער גאַנצער בית־המדרש איינגעטיילט ווערן אין צוויי פיינטלעכע לאַגערן, און ווערטער־שלאַכטן זיינען געפאַכטן געוואָרן מיט מסירת־נפש.

מיין אייגענער לעבן אין יענער שטאָט איז מאַטעריעל געווען זייער אַ שווערער. מיר איז אויסגעקומען צו אונטערהונגערן, אָבער די שטאָט האָט מיר געגעבן אַ שטאַרקן שטויס צום דענקען. דאָס לעבן אין יענער שטאָט האָט מיר געגעבן אַ סך דערפאַרונג. פון איין זייט בין איך געווען שטאַרק איבערגעגעבן צום לערנען, און בין טאַקע דאָרט אויסגעוואַקסן צו אַ שטופּע, וואָס מען האָט מיך שוין געקענט אָנרופן אַ געלערנטער

מרדכי קופער

בחור : פון דער אַנדער זייט האָבן זיך שוין אָנגעפאַנגען אין מיין רעלי־גיעזן מוח ספיקות. די פעסטקייט אין רעליגיע האָט זיך אָנגעהויבן וואַק־לען אין מיר. די געבאָטן פון רעליגיע, וואָס כ׳האָב דעמאָלט פאַרשטאַנען אונטער דעם וואָרט „תורה", — ליבע צו מענטשן און גוטע מידות, זיי־נען געווען פאַרהערלעכט פון די חסידים, די נאָענטסטע פאַרטרעטער פון גאָט׳ס תורה, אָבער אין ווירקלעכן לעבן פלעגן זייערע אויפפירונגען אַרויסרופן פאַרדרוס און עקל. און דאָס האָט אונטערגעמינעוועט מיין פעלדזן־שטאַרקן גלויבן.

דעמאָלט האָט פּאַסירט מיט מיר נאָך עפּעס, וואָס האָט אויך געהאָלפן צוגרייטן דעם באָדן פאַר אַנדערע אידייען און געדאַנקען. איינמאָל, גייענ־דיק אין גאַס שפּעט אין אָוונט, הער איך אַ באַקאַנטע שטימע. איך גיי צו נעענטער און דערזע דעם בחור, וואָס האָט צוזאַמען מיט מיר גע־לערנט אין פאַריקן שטעטל. דאָס איז געווען דער וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם אינטערעסאַנטן ראָמאַן. דער בחור, נאָך אין לענגערע מלבושים, שטייט מיט אַ גרופּע בעל־מלאכות און האַלט מיט זיי אַ טיפן געשפּרעך. מיך האָט עס אַביסל שאָקירט. איך בין נאָך נישט געווען געוואוינט צו אַזעלכעס. כ׳האָב אַפילו געטראַכט פון דער געפאַר, פאַר מיר, ווען מ׳זעט מיך מיט דער גרופּע. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז דער בחור, מיין אַלטער באַקאַנטער, איז שוין אַרונטער פון דרך־הישר און צווישן מיר און אים איז אויסגעוואַקסן אַ מחיצה. דאָך האָט מיך געצויגן באַקענען זיך מיט נייעם לעבן, און כ׳האָב צוגעזאָגט צו טרעפן זיך מיט אים דעם קומענדיקן טאָג אויף אַ געוויסן פּלאַץ. צומאָרגנס בין איך טאַקע געקומען צום באַ־שטימטן פּלאַץ, וועלכעס איז געווען אַ קליין שטיבל מיט אַ פּראָסטן טיש און בענק אַרום דעם טיש. ס׳איז געזעסן אַ גרופּע אַרבעטער, און מיין בחור צווישן זיי.

ווען איך בין אַריינגעקומען אין שטוב, האָט זיך דער געשפּרעך אי־

מיין לעבן און שטרעבן

בערגעריסן און איך בין איינגעלאַדן געוואָרן צום אָנבייסן מיט זיי. איך האָב זיך לאַנג נישט געלאָזן בעטן, ווייל כ'בין געווען נישקשה'דיק הונגעריק. נאָכן עסן זאָגט מיין באַקאַנטער בחור, אַז מ'וועט מיך מכבד זיין מיט בענטשן. ווען כ'האָב די איינלאַדונג אָנגענומען און אָנגעהויבן מיטן פּיזמון: „רבותי, מיר וועלן בענטשן" — האָבן די אָנוועזנדיקע געענטפערט אין אַ כאָר: „רבותי, מיר וועלן עסן". איך בין פאַרשעמט געוואָרן פונעם שפּאַס, אָבער דאָך האָב איך פאַרענדיקט דאָס בענטשן אַליין. נאָכן בענטשן זיינען מיר אַרויס פאַר אַ וויכוח, אין וועלכן מיין באַקאַנטער בחור האָט גענומען מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן משה רבינו און יעזוס קריסטוס — זייער ראַליע אַלס געזעצגעבער און פאָלקס-פירער. איך האָב קעגן זיינע אַרגומענטן געבראַכט מיינע רעליגיעזע אַרגומענטן, וועלכע זיינען געווען גאַנץ שוואַכע, און כאָטש מיר האָט זיך דאַן געדאַכט, אַז דער בחור האָט אויף מיר נישט געווירקט, דאָך האָט יענער שמועס געמאַכט אויף מיר אַ טיפן איינדרוק און איז געווען דער אָנהייב פון מיינע וואַקלענישן. דער וויכוח האָט מיר געגעבן דעם ערשטן שטויס ווייטער צו טראַכטן און צו לייענען. (עס וועט נישט זיין קיין פולע בילד פון די ווירקונגען פון יענער שטאָט אויף דער פאָרמירונג פון מיין שפּעטערדיקן לעבן, ווען איך זאָל נישט באַשרייבן מיין סטאַנציע). איך בין געשלאָפן ביי אַן איינבינדער, וואו מיין ברודער האָט מיט אַ צייט פריער געאַרבעט, און אַ דאַנק דעם האָב איך געקראָגן דאָרטן דעם פּלאַץ איינצושטיין.

דעם איינבינדערס פאַמיליע, מיט וועלכער כ'האָב זיך גוט איינגעלעבט, איז באַשטאַנען פון דריי זין און צוויי טעכטער, וואָס זיינען געגאַנגען אַרבעטן אין פאַבריק און אַרויסגעהאָלפן דעם פאָטער מאַטעריעל. דאָס פאַבריק-מיידל האָט ביי יענער צייט געזוכט שוין צו באַפרייען זיך פון די רעליגיעזע פּענטעס, וועלכע האָבן שטרענג געהאַלטן זי אין צוים און נישט געלאָזן אַ קוק טאָן אויף אַ בחור. ביסלעכווייז זיינען טאַקע דורכ־

געבראַכן געוואָרן אַלע צאַמען, אויב נישט עפנטלעך, איז אויף אַ פּאַר־באַרגענעם אופן. מ׳פלעגט פאַרט מאַכן ראַנדעוואוס מיט בחורים און שפּילן געהיימע ליבעס. איך אַליין, אַ בחור׳ל פון אַ יאָר 14, האָב שוין געשפּירט אַ מאָדנעם געפיל, ווען איינע פון די מיידלעך פלעגט אַמאָל אויף מיר אַרויפליגן אַ נאַקעטע האַנט. כ׳האָב געהאַט פאַרגעניגן פון דעם און אין דער זעלבער צייט געשעמט זיך פאַר דער עבירה.

מיר איז אויך אויסגעקומען צו האָבן אַ קלאַס פון מיידלעך, וועלכע איך האָב צו יענער צייט געלערנט שרייבן אידיש. איינע פון זיי איז שוין געווען אַ דערוואַקסענע און געפּאָדערט פון מיר, אַז כ׳זאָל איר יעדן טאָג ברענגען אַ קאָפּיע פון אַ נייעם בריוו, און די בריוו דאַרפן זיין פון אַ כלה צו אַ חתן. איך בין אָבער נאָך געווען שוואַך אין די דאָזיקע ענינים; האָב איך געפונען אַ מיטל: כ׳האָב זיך איינגעהאַנדלט אַ פאַרטיקן בריוון־שטעלער און פון דאָרטן קאָפּירט די פאַרטיקע בריוו.

איך ווער געקרוינט פאַר אַ טאַלאַנט

אין מיין אייגן שטעטל בין איך געקרוינט געוואָרן פאַר אַ טאַלאַנט. ווען איך בין געקומען אַ היים, איז מיין רום שוין געגאַנגען פאַראויס. איך בין אַ היים געקומען צו מיין ברודער׳ס חתונה. נאָך דער חתונה בין איך אַוועק אין אַ צווייטן שטעטל, וואָס איז געווען אין אַלע הינזיכטן אַנדערש ווי דאָס פאַריקע. דאָס שטעטל איז געלעגן האַרט ביי דער דייטשישער גרענעץ. די מחיצה צווישן בחור און מיידל האָט שוין כמעט אינגאַנצן דאָ נישט עקזיסטירט. ביידע געשלעכטער האָבן שוין פאַרבראַכט צוזאַמען, אַפילו ביים רב אין הויז, וואו כ׳האָב געהאַלטן סטאַנציע אין יענעם שטעטל, וואו מ׳האָט זיך מיט מיר געדעכנט ווי מיט אַ געלערנטן בחור, איז מיין עקאָנאָמישע לאַגע געווען נישט שלעכט. איך האָב דאָרט געלערנט מיט צוויי בחורימ׳לעך, וואָס יעדער פון זיי האָט מיר געצאָלט 5 רובל אַ חודש. צום סוף פון ערשטן חודש, ווען כ׳האָב באַקומען די ערשטע צוויי גאָלד שטיקלעך, האָב איך געפילט אַזוינס, וואָס נאָר מענטשן

מיין לעבן און שטערבן

קענען פילן, וואָס לעבן שטענדיק אין דחקות און נויט און פלוצים געפי־
נען זיי אַן אוצר. אָבער מיין לעבן, וואָס איז דאַן באַשטראַלט געוואָרן
מיט ליכטיקע האָפענונגען, האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. מיט אַ פּאָר
חדשים שפּעטער איז געקומען אַ שטאַרקער איבערברוך אין מיין לעבן,
וואָס האָט מיר געגעבן אַ שטויס.

איך האָב אָנגעהויבן צו ליידן פון נאָז־פאַרשטאָפּונג און דאָס האָט
געשטערט מיין וויטערדיקער אַנטוויקלונג. איך האָב פּרובירט גיין צו
דאָקטוירים, אָבער זיי האָבן בלויז געהאָלפן צו פאַרגרינגערן אַביסל מיין
קראַנקהייט. כ׳האָב דורכגעלעבט אַרום צוויי יאָר פון גייסטיקע פּייניקונ־
גען און סוף־כל־סוף זיך געמוזט צופּאַסן צו מיין נייעם לעבן.

פון דעם שטעטל בין איך אַוועק אין אַ צוויטן. דאָס נייע שטעטל
איז שוין ווידער געווען אַנדערש ווי דאָס פריערדיקע. דאָ האָבן שוין גע־
בלאָזן פרישע ווינטן: די אידייען פון ציוניזם און סאָציאַליזם האָבן שוין
גענומען אַריינדרינגען אין שטעטל און ווירקן אויף דער יוגנט. די שטרע־
בונג צו לערנען זיך שפּראַכן און וויסנשאַפט איז געווען אַזוי גרויס, אַז
ס׳גאַנצע שטעטל איז געווען איינגעטיילט אין זעלבסט־שטודיר־גרופּן.
די אומגעבונג האָט מיר געגעבן אַ געלעגנהייט צו לייענען ביכער. פריער
השכלה־ביכער און נאָכהער סאָציאַליסטישע, און מיין איינציקע און העכ־
סטע שטרעבונג איז דאַן געווען צו באַפרייען זיך פון בית־מדרש־לעבן און
אַריבערגיין צו אַ לעבן פון אַרבעט. אָבער דורכצופירן דאָס איז גאָרנים
געווען אַזוי לייכט. מיין משפחה איז געווען קעגן דעם און מיט מיינע איי־
גענע כוחות איז געווען אוממעגלעך דאָס דורכצופירן.

פון דעם שטעטל בין איך אַוועקגעפאָרן אין קאָנין. דאָ האָב איך
אָפיציעל געדאַרפט אָנהאַלטן דעם שטאַט פון אַ ישיבה־בחור, אָבער שוין
מיט אַ טיפן ווידערווילן און אַ שטאַרקן באַגער זיך אינגאַנצן צו שיידן

מ ר ד כ י   ק ו פ ע ר

מיטן לעבן פון אַ ישיבה־בחור. דערווייל אָבער האָב איך זיך געמוזט באַנוצן מיט דעם ווי מיט אַ מיטל צום ציל, וואָס איז באַשטאַנען פון לערנען שטילערהייט אַ פאַך און אָפיציעל זיין אַ ישיבה־בחור.

אין שטעטל קאָנין האָט מיינער אַ בן־עיר געהאַט אַ בוכבינדעריי־וואַרשטאַט און ער האָט מיר געגעבן די געלעגנהייט אויסצולערנען זיך דעם דאָזיקן פאַך. צו מיין גליק איז דעם איינבינדערס שטוב אויך געווען דער צענטער פאַר געהיימע סאָציאַליסטישע מיטינגען, און איך האָב געקראָגן די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט די נייע אידייען. איך האָב אָנגעהויבן צו לייענען און שטודירן די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור, און די סאָציאַליסטישע אידעאַלן האָבן אַזוי פאַרכאַפּט מיין נשמה, אַז זיי זיינען געוואָרן אַ טייל פון מיין גאַנצן איך. לאַנג האַלטן זיך אין קאָנין האָב איך נישט געקענט, ווייל ס'איז געווען שווער אָנצוהאַלטן די דאָפּלטע ראָליע און פון פירן אַ זעלבסטשטענדיקן לעבן. פון אַרבעט אַליין האָט נאָך קיין רייד נישט געקענט זיין. בין איך געפאָרן צוריק אַהיים, מיט דער האָפענונג אויף אַ גוטן צופאַל, וואָס וועט מיך אַרויספירן אויפן נייעם וועג, צו וועלכן כ'האָב אַזוי שטאַרק באַגערט, און אַזאַ צופאַל איז מיר אונטערגעקומען צו דער האַנט.

אַ אידישער פּראָפעסאָר

נישט ווייט פון אונדזער שטעטל האָט געוואוינט אַ אידישער פּראָפעסאָר, באַוואוסט אויך אַלס תלמיד־חכם. אויף דער עלטער איז ער האַלב־בלינד געוואָרן. ער האָט געדאַרפט האָבן אַ בחור, וואָס זאָל צוזאַמען מיט אים לערנען און באַדינען אים. פאַר דער דאָזיקער מלאכה האָט ער געצאָלט אַ רובל אַ וואָך, אויסער עסן און שלאָפן. כ'האָב געזען אין דעם אַ גאָלדענע געלעגנהייט פאַר מיר צו פאַרדינען אין משך פון צען וואָכן אַ צענערל אויף רייזע־קאָסטן צו אַ גרויסער שטאָט, וואו כ'וואָלט געקענט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָנפאַנגען לעבן פאַר זיך.

מיין לעבן און שטרעבן

איך האָב גערן אָנגענומען די שטעלע, אָבער ווען כ'בין געקומען אין דאָרף און באַקענט זיך מיט די קאַפּריזן פון דעם אַלטן פּאָסעסאָר איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז כ'האָב איינגעזען אויפן האַרצן. כ'האָב איינגעזען, אַז צו לאַנג וועל איך דאָ נישט קענען זיין. דער אַלטער איז געווען פול מיט משוגעת'ן, און איז געווען דער אמת'ער טיפּ פון אַן עקספּלואַטאַטאָר. באַזונדערס האָב איך נישט געקענט פאַרטראָגן די טראַדיציעס פון שקלאַפעריי אין דאָרף. ס'האָט מיך אָפּגעעקלט צו זען ווי אַן אַלטער פויער קושט די האַנט פון יונגן פּריץ, דעם אַלטנס אַן אייניקל. איך האָב קוים דערצויגן ביז זיבן וואָכן און בין אַהיים געפאָרן.

כ'האָב געפּלאַנעוועט בלויז איבערצונעכטיקן ביי אונדז אין שטוב און אויף מאָרגן גאַנץ פרי זיך לאָזן אין וועג אַריין צו דער גרויסער שטאָט. אָבער ווען כ'בין אויפגעשטאַנען אין דער פרי האָבן מיר געפעלט די זיבן רובל. דאָן איז שוין וועגן פאָרן ערגעץ קיין רייד נישט געווען. האָט מיר די משפחה פאַרגעלייגט, אַז איך זאָל בלייבן אין דער היים און פאַרנעמען דעם ברודערס פּלאַץ, ווייל ער פּלאַנעוועט צו פאָרן קיין אַמעריקע, און ער וואָלט וועלן איבערלאָזן אַ ברויט־געבער פאַר אונדזער מוטער. איך האָב דעם פאָרשלאָג אָנגענומען.

נאָכדעם, ווי כ'האָב געאַרבעט אַ יאָר צייט מיטן ברודער, איז ער טאַקע אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע און איך בין פאַרבליבן דער ברויט־געבער און דער בעל־הבית פון הויז. מיר זיינען פאַרבליבן אין דרייען: מיין מוטער, מיין שוועסטער און איך.

אונדזער שטוב איז דאָן געוואָרן אַ שטענדיקער פאַרקער־פּלאַץ פאַר דער ראַדיקאַלער יוגנט פון שטעטל. עס איז ביי אונדז געווען פריילעך אין הויז, דאָך האָב איך געמוזט פירן שטאָט, גיין אין שול דאַווענען און בכלל נישט וואַרפן זיך אין די אויגן מיט אַנטי־רעליגיעזקייט. מיין פאַך,

מרדכי קופּער

איינבינדעריי, האָט מיך געצוואונגען דערצו, מחמת ווער וואָלט עס געגעבן אַ „גוי" איינבינדן גמרות, חומשים און סדורים. ס'איז אָבער דערגאַנגען צו די פרומע אידן, אַז כ'בין געכאַפּט אין דער „מעשה" און ס'האָבן זיך אָנגעפאַנגען פאַרפאָלגונגען קעגן מיר מצד די פרומאַקעס און כ'האָב אָנגעהויבן טראַכטן מכוח פאָרן קיין אַמעריקע.

איך פאָר קיין אַמעריקע

דער געדאַנק, אַז אין אַמעריקע קאָן מען לעבן ווי מען וויל, האָט מיר נישט געלאָזט רוען, און ס'האָט מיך שטאַרק געצויגן צו דעם דאָזיקן פרייען לאַנד. איך האָב דורכגעמאַכט אַ סך שוועריקייטן ביז כ'האָב דערגרייכט מיין ציל.

ענדלעך האָב איך געקראָגן אַ שיפסקאַרטע פון מיינעם אַ קרוב און גענומען קלייבן זיך צו דער רייזע. ס'האָט מיר גענומען אַ קורצע צייט צו ליקווידירן מיינע געשעפטן. מיינע פריינט האָבן מיר געהאָלפן פּאַקן מיינע זאַכן. אייניקע פון די זאַכן זיינען געווען געפּאַקט אין אַ קאַסטן און די איבעריקע אין צייטונגען, וואָס זיינען דאַן אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פאַרשיידענע קאָלירן, אַזוי, אַז מיין אַפּפאַר, קאָן מען זאָגן, איז געווען אַ קאָלירפולער.

אַלץ וואָלט געווען פיין און גוט ווען נישט מיין נאָז־קראַנקהייט, וואָס איז דאַן איבערגעגאַנגען אין אַ מאָגן־קראַנקהייט. מיין פיזישער צושטאַנד איז נישט געווען אַמבעסטן, און געוואוסט האָב איך שוין דאַן, אַז אין גאָלדענעם לאַנד דאַרף מען האָבן גענוג כוח צו שאַרן דאָס גאָלד . . .

דערוויל האָב איך זיך איבערגעגעבן דעם ים און נאָך עלף שטורמישע ווינטער־טעג האָט מיין שיף דערגרייכט די ברעגן פון באָסטאָן.

דאָס אַרונטערגיין פון שיף און דאָס פאָרן צום ערשטן מאָל אויף אַן „עלעוויייטעד", האָט געמאַכט אויף מיר אַ טיפן איינדרוק. איך האָב פאַר־

מיין לעבן און שטרעבן

שטאַנען, אַז איך באַטרעט אַ נייע וועלט און אַ ניי לעבן. אָבער איך האָב געצווייפלט אויב איך וועל זיין צוגעפּאַסט צו דער נייער וועלט.

מיין ערשטע סטאַנציע איז געווען אין אַ מיסיאָנערן־הויז, וואו מ׳האָט מיר געגעבן אַ פיינעם מאָלצייט. דאָרטן האָב איך געוואַרט אויף אַ לאַנדס־מאַן, וואָס האָט געדאַרפט קומען נאָך מיר. דער לאַנדסמאַן איז טאַקע באַלד געקומען און מיך גענומען צו זיך אַהיים.

אין שטוב ביי אים איז אַלץ געווען פּראַקטפול, לויט מיין דעמאָלט־דיקן באַגריף. די אַטמאָספערע איז געווען אַן אנגענעמע, אַ פריינטלע־כע. דאָס איז געווען פרייטאָג־צו־נאַכט. כ׳האָב זיך אויסגערוט דורכן שבת און זונטיק. מאָנטיק האָט מען מיך צוגעשטעלט צו דער אַרבעט.

מיין אַרבעט האָט מען אויסגעקליבן פאַר מיר ווען איך האָב זיך נאָך געפונען אויפן שיף, און גראָד איז די אַרבעט געווען אַ צו שווערע פאַר מיר, אָבער וואָס האָב איך געזאָלט טאָן, אַז מיין „באָס" איז געווען מיין לאַנדסמאַן גופא, אַט־דער, וואָס האָט מיך אויפגענומען אַזוי פיין. די אַר־בעט־באַדינגונגען זיינען געווען: פיר וואָכן אָן געצאָלט און דערנאָך אָנ־הויבן מיט 4 דאָלער אַ וואָך, ביז כ׳וועל זיך אַרויפאַרבעטן אויף אַ בע־סערן לוין.

אין 6 מאָנאַטן שפּעטער האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה און אַלע פאַרבינדונגען מיט דער אַלטער היים זיינען איבערגעריסן גע־וואָרן אויף עטלעכע יאָר — שווערע יאָרן. איך האָב אַזוי שטאַרק גע־וואָלט הערן עפּעס פון דער היים און האָבן פאַרבינדונגען מיט מיינע אַל־טע פריינט, אָבער עס איז געווען אוממעגלעך.

מיינע ערשטע יאָרן אין אַמעריקע זיינען געווען שווערע, ווי עס פּאַ־סירט אָפט מיט מענטשן, וועלכע, נאָכן קומען אַהער, ניכטערן זיי זיך אויס

מ ר ד כ י   ק ו פּ ע ר

פון זייערע גאָלדענע חלומות, וואָס זיי האָבן געטרוימט, און הייבן אָן בענ־קען נאָך דאָס פאַרגאַנגענע. מיין לעבן איז באַשטאַנען פון אַ שווערן טאָג אַרבעט, און נאָך דער אַרבעט, אַ מידער, אָן אויסגעשפּעטער, אַנידערפאַלן שלאָפן. אָבער אַמאָל, ווען לנדיק באַזיגן די שלעפעריקייט, פלעג איך נעמען אַ האַנט אין אַ פינאָקל. אַלנפאַלס, האָב איך קיין גייס־טיקן אָדער געזעלשאַפטלעכן לעבן נישט געהאַט. ערשט מיט אַ צייט שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז נישט ווייט פון מיר געפינט זיך אַ אידישע ביבליאָטעק און אַ צענטער, וואו ס׳פאַרזאַמלען זיך בונדיסטן און פּועלי־ציוניסטן. נאָכדעם ווי כ׳האָב זיך באַקאַנט מיט די צוויי ריכטונ־גען, האָב איך באַשלאָסן צו ווערן אַ מיטגליד אין דער פּועלי־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, נישט דערפאַר, וואָס דער אידעאַל האָט אַפּעלירט צו מיר, נאָר ווייל די סביבה אָהט מיך מער צוגעצויגן. טיף אין האַרצן האָט שוין דער נאַציאָנאַליזם נישט געשפּילט ביי מיר אַזאַ גרויסע ראָליע, און ווען איך האָב אויסגעפונען, אַז דער הויפּט־געוויכט איז געשטעלט אויפן נאַציאָנאַליזם, ניט אויפן סאָציאַליזם, האָב איך קעגן דער אָנגעפירט אַ קאַמף דורך פאַרשיידענע דיסקוסיעס. אַלנפאַלס האָב איך אין דעם קרייז געפונען אַ שטיקל גייסטיקע באַפרידיקונג

אין דער זעלבער צייט האָט אין איראָפּע געווילדעוועט די ערשטע בלוטיקע וועלט־מלחמה, וועלכע האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן און ס׳האָט שוין דאַן נישט געקענט זיין קיין פראַגע וועגן פאָרן צוריק, האָב איך זיך באַמיט מיט אַלע כוחות אַריינצופּאַסן אין דעם אַמעריקאַנער לעבן.



מײַן שטעטל

מיין שטעטל

מיין שטעטל איז זיך געלעגן ביים טראַקט צווישן קויל און קוטנע, אויפן וועג צו די צוויי גרעסערע פּוילישע האַנדלס־צענטערס: לאָדז און וואַרשע. ווערדליך אַ קליין שטעטל, איז דאָס לעבן דאָ נישט געווען איינגאַנצן פאַרגליווערט. פאַרקערט, דאָס אימפּולסיווע לעבן פון דער דרויסנדיקער וועלט, איז אַריינגעדרונגען אין שטעטל, און אַ טייל פון דעם האָט זיך אָפּגעזעצט ביי אונדז.

דאָס שטעטל איז באַשטאַנען פון 2 הויפּט־גאַסן: די קליינע גאַס, וואָס איז געווען אויסגעלייגט אויפן שאָסיי נאָך קויל, און די קראָשנעוויצער, וואָס האָט געפירט אין דער פאַרקערטער ריכטונג צו קראָשניעוויץ; אויך האָבן מיר פאַרמאָגט עטלעכע זייטיקע געסלעך, אַ אידישער מאַרק, און אַ חזיר־מאַרק.

אין שטעטל האָבן געוואוינט אַ 2 הונדערט אידישע פאַמיליעס מיט זייער קהל'שן אייגנטום: אַ שיינע שול, אַ בית־המדרש, אַ מקוה, און אַלע כלי־קודש, אויף אויסצופילן די אַלע נויטיקע רעליגיעזע פונקציעס.

ס'האָבן געלעבט צוזאַמען אין שכינות אידישע און קריסטלעכע פאַמיליעס; געהאַנדלט איינאַיינעם, אָפט געפרייט זיך און אָפט געטרויערט צוזאַמען. זיי האָבן געהאַט האָפענונגען און אַנטוישונגען, כאָטש אויף באַזונדערע און אייגנאַרטיקע אופנים. פאַראורטייל און רעליגיע האָבן באַגרענעצט דאָס נעענטערע צוזאַמענלעבן צווישן איד און קריסט, און ניט דערלאָזט צופיל אינטימקייט; אָבער אַן ענגערער קאָנטאַקט צווישן ביי־

מיין לעבן און שטרעבן

דע שכנים האָט יאָ עקזיסטירט און דאָס איז געווען ווינטשסנווערט און אומפאַרמיידלעך.

ווי אַלט איז דאָס שטעטל און ווען האָט זיך דאָ באַוויזן דער ערשטער איד? ווער קאָן וויסן! צום באַדויערן איז ביי אונדז קיין געשיכטע־פאַרצייכענער ניט געווען; עטוואָס וואָלט מען געקענט אויסגעפינען פון דער חברה־קדישה, אָבער צו דער דאָזיקער חברה־קדישה האָב איך קיינ־מאָל קיין צוטריט נישט געהאָט. מ'קאָן זיך משער זיין, אַז דאָס שטעטל האָט עקזיסטירט אייניקע יאָר־הונדערטער. אויף דעם האָבן עדות גע־זאָגט מאַנכע מצבות אויפן בית־עולם.

אין מיינע קינדער־יאָרן האָט מען גערעדט פון אַן אַלטער שול, וואָס איז אויפגעגעבן געוואָרן. זי איז שוין געווען אַ חורבה און געמוזט אַלט זיין אַ הונדערט יאָר.

אַזוי איז זיך דאָס לעבן געפלאָסן אין מיין שטעטל קלאַדאָווע. אין מיין צייט זיינען דאָרט געווען היפשע פאַרצווייגטע אידישע משפחות. מ'האָט אויסגעהאָדעוועט קינדער, געהאָט אייניקלעך. אידן האָבן טאָקע אין זייערע תפילות צוויי מאָל אַ יאָר געזאָגט: „לשנה הבא בירושלים"; אויך דאָ און דאָרט האָט אַ פּאָליאַק צוגעוואָרפן דעם אידן דאָס זידל־וואָרט: „זשידיע דאָ פּאַלעסטינאַ!"; טראָצדעם אָבער האָבן אידן געפילט, אַז זייער לעבן איז אינגאַנצן פאַרבונדן מיטן שטעטל.

מיין פריעסטע דעראינערונג, וואָס איז פאַרבליבן אין מיין זכרון, איז געווען אונדזער הויז. אונדזער וואוינונג האָט אַרויסגעקוקט צום שול־הויף, און איך, אַלס קינד, האָב געקענט באַאָבאַכטן די באַפּוצונגען אויף דער שול־געביידע. דאָס זיינען געווען אָרנאַמענטן, מיט וועלכע באַרימ־טע מאַלער און אַנדערע קינסטלער האָבן באַפּוצט און פאַרענדיקט אונד־זער ניי־אויסגעבויטע שול (די ערשטע אידישע שולן אין פוילן האָבן פאַר־

מאַגט פּרעכטיקע דעקאָראַציעס, און אונדזער שול איז נישט געווען קיין אויסנאַם).

כ׳געדענק אויך דעם שמש מנחם, אַ איד מיט אַ שיינער באָרד, אַ בעל־גוף מיט אַ ברוסטיקער שטימע, וואָס איז אין זומערדיקע פאַרנאַכטן, איידער די שול האָט זיך געעפנט, געשטאַנען ביי אונדז פאַרן אָפענעם פענצטער און צוגעקוקט ווי מיין טאַטע בינדט איין ספרים, און להבדיל, ווערטלעכע ביכער. כ׳געדענק די אלמנה חנה מיט אירע זין, נישט קיין זיבן זין, אָבער זיי זיינען באַשטאַנען מער ווי פאַר זיבן. עפּעס האָבן זיי געמאַכט פאַרשיידענע קונצן, געקאָנט שטיין אויפן קאָפּ אַ לאַנגע צייט, און האָבן אויך געקענט גיין אויף די הענט דורך דער גאַנצער לענג פון שול־הויף. זיי זיינען געווען די בעסטע באַל־שפּילער, ווי אויך די בעס־טע בוים־קלעטערערס. די אַלע ספּאָרטס זיינען ביי אונדז אין שטעטל נישט געווען אָנערקענט. קיין געשעפט, אָוואו מען האָט געצאָלט פאַר בילעטן איז עס זיכער ניט געווען. פאַרקערט, ס׳איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ דערנידערונג, מיט וועלכער בלויז וואוילע יונגען אָדער לאָבוסעס פאַרנעמען זיך, אָבער מיין יונג האַרץ האָט געצאַפּלט פאַר פריידֿ, ווען כ׳האָב געזען די אַלע קונצן און מיין ערשטע אַמביציע איז געווען נאָכצו־מאַכן זיי.

דאָס חדר־לעבן אין שטעטל האָט געהאַט זיינע אידילישע שיינקייטן, ווי אויך זיינע קאָמישע זייטן. עס שטייט לעבעדיק פאַר מיינע אויגן דאָס בילד, ווי קינדער פון 2 פאַרשיידענע חדרים פירן מלחמות צווישן זיך, נישט צוליב ספּאָרט, נאָר טאַקע צו דערלאַנגען איינס די אַנדערע, און גאָט ווייסט ווער און וואָס האָט די מלחמה אַרויסגערופן.

צוויי מאָל אין טאָג, פּינקטלעך ווי אַ זייגער, זיינען אידן געגאַנגען

מיין לעבן און שטרעבן

דאַוונען אין שול, אָדער אין בית־מדרש, אָבער ס'איז געווען אַן אונטער־שייד צווישן די צוויי געבעט־הייזער. אין דער שול האָט מען זיך גע־פילט יום־טוב'דיק בלויז אין אויסערגעווייטלעכע שבתים אָדער יום־טובים, ווען דער חזן האָט געזונגען מיט זיין כאָר. איבדערוואָכן, אָבער, האָט זיך אין שול געפילט זייער אומעטיק. די קליינע צאָל דאַוונער פלעגן זיך פאַרלירן אין דער גרויסקייט פון דער געביידע. מען האָט דאָרט גע־מוזט איינשטיין אויף אַן אָרט און נישט מאַרשירן הין און צוריק, ווי אין בית־המדרש. דער בית־מדרש האָט שוין געדינט ניט בלויז פאַר אַ פּלאַץ צום דאַוונען, נאָר אויך ווי אַן אינטימער צוזאַמענקום־פּלאַץ. ווינטער, אין די קאַלטע טעג, איז מען דאָ געשטאַנען אַרום אויוון און אַרומגערעדט פון אַלץ אין דער וועלט. זומער, ווידער, האָט מען צווישן מנחה און מעריב אַרומגעשפּאַצירט איבערן שול־הויף. דאָס בית־מדרש האָט אויך געדינט פאַר אידישע בחורים צו לערנען. אויך איך האָב דאָרטן פאַר־בראַכט אייניקע פון מיינע יונגע יאָרן, ווייל אַזוי האָט מיין פאָטער גע־וואָלט, און אַזאַ איז געווען די סביבה דאַן. כ'האָב אויך אייניקע יאָר גע־לערנט אין פרעמדע שטעט, און אַ סך בחורים פון אונדזער שטעטל האָבן אויך פאַרבראַכט אין דער פרעמד אַלס לערנער אין ישיבות, אָדער פריי־קאַזשטשיקעס אין פאַרשיידענע געשעפטן. צו יום־טוב צו, אָבער, פלעגן אַלע בע־ווגד'ניקעס זיך ציען צום אייגן שטעטל אָפּצוריכטן יום־טוב אין די אייגענע היימען. אָט־דער קומען אויף יום־טוב אַהיים איז געווען איינס פון די וואונדערבאַרסטע זאַכן אין לעבן, וואָס פלעגט געבן אַ סך מוט איבערצוטראָגן די שווערקייטן פון זיין אין דער פרעמד.

פון מיין לעצטער ישיבה בין איך געקומען צוריק אין שטעטל אָנגע־הויכט מיט אידייען פון רענעסאַנס, ווי ציוניזם און סאָציאַליזם, וואָס האָבן זיך דאַן געטראָגן איבער די פוילישע שטעט. עס איז אַ געוויסע דער־

מרדכי קופער

וואַכונג אויף פאַרגעקומען אין די פאַרגליווערטע קליינע שטעטלעך.

די נייע אידייען, מיט וועלכע איך האָב געזוכט צו באַאיינפלוסן אַנדערע יוגנטלעכע, האָבן מיר פאַרשאַפט אַ סך שונאים צווישן די עלטערע מענטשן. איבערהויפּט האָבן די פריינט פון מיין פאַרשטאָרבענעם רעליגיעזן פאָטער מיר ניט געקענט מוחל זיין מיין אַפּיקורס'עס. דאָס לעבן איז אַלץ ענגער געוואָרן פאַר מיר אין שטעטל און ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָב איך פאַרלאָזט דאָס שטעטל און געפאָרן קיין אַמעריקע.

די ערשטע מאָנאַטן פון מיין זיין אין אַמעריקע זיינען נישט געווען אַזוינע אנגענעמע. כאָטש איך בין געווען באַפרייט פון רעליגיעזע צווימען, האָט מיר אָבער די אַרבעט מיינע פיזיש זייער אויסגעמאַטערט, און די בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים איז געווען זייער גרויס. באַלד, אָבער איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה און פאַר זיבן יאָר צייט בין איך געווען פולשטענדיק אָפּגעריסן פון מיין שטעטל; אָבער וויפיל מאָל האָב איך זי געזען, מיין שטעטעלע, אויף דער וואָר און אין חלום!

ענדלעך האָט זיך די מלחמה געענדיקט און די ערשטע ידיעות פון מיין שטעטל זיינען געווען פאַר מיר ווי אַ זוניקער שטראַל, וואָס האָט זיך באַוויזן נאָך אַ לאַנגער פינצטערער נאַכט. מיין שטעטל האָט נאָך נישט שלעכט אָפּגעשניטן: בלויז צוויי אידן האָט מען געהאַנגען.

די שפּעטערדיקע ידיעות פון דעם ניי־זעלבסשטענדיקן פוילן זיינען געווען שרעקלעכער און גרוילעכער איינע פון דער אַנדערער. דאָס וואַרפן אידן פון לויפנדיקע צוגן, דאָס רייסן אידישע בערד — דאָס אַלץ האָט מיר געבראַכט אַ יאוש'דיקע שטימונג, און איך האָב געפרעגט: — וואָס וועט זיין דער גורל פון מיין משפחה? וואָס איז דער גורל פון אַלע אַנדערע, וואָס זיינען פאַרבליבן אין פוילן?

מיין לעבן און שטרעבן

אַ שטיקל טרייסט האָב איך געפונען אין דעם, אַז אויך אין פוילן קעמפן מיט מסירת־נפש רעוואָלוציאָנערע כוחות פאַר אַן אמת'ער באַפרייאונג, וואָס גרענעצט זיך נישט מיט אַנטיסעמיטיזם.

איך האָב דאַן געאָטעמט מיט יעדן וויבריר פון מיין נשמה מיט די, וואָס קעמפן אומעטום פאַר אַ וועלט, וואָס זאָל זיין פריי פון ראַסן־ און רעליגיע־פאַראורטיילן, אַ וועלט אָן מלחמות, וואָס מאָרדעוועז אויס מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס. מיין גאַנצע פרייע צייט האָב איך אָפּגעגעבן פאַר דער דאָזיקער אידייע.

דורך די מלחמה־יאָרן זיינען די פעדים, וועלכע האָבן מיר געהאַלטן צוגעבונדן צו מיין שטעטל, עטוואָס לויז געוואָרן, אָבער נישט איבערגעריסן געוואָרן. כ'האָב אָפט געטראַכט: וואָס פאַר אַ ביישטייער האָט מיין שטעטל צום הייליקן רעוואָלוציאָנערן צוועק? פון די בריוו האָב איך קיין טאָלק נישט געקענט דערגיין. איין ידיעה, אָבער, האָט מיך געוואַרעמט: די יוגנט האָט דאָרטן איינגעשטעלט אַ ביבליאָטעק, און איך בין פון זיי באַערט געוואָרן מיטן טיטל: ערן־מיטגליד, אַלס איינער פון די שטעטלדיקע פּיאָנערן אויפן געביט פון פּראָגרעסיוון בוד.

עס איז אַוועק דער פעריאָד פון 13 יאָר אויפשטייג פון פאַשיזם. דער נאַציזם, וואָס איז געקעכלט געוואָרן מיט ליבשאַפט פון די טשעמבערליינס, איז געקומען צום העכסטן אויסדרוק. די מעריב־דעמאָקראַטיעס זיינען געשלאָפן . . . דעם זיסן שלאָף פון „נישט מישן זיך". אָדער אפשר האָט מען געוואָלט איינשלעפערן די מאַסן, וואָס האָבן געזוכט אַ גערעכטן לעבן? און דאָס אומפאַרמיידלעכע איז געקומען: די היטלער־האָרדעס, באַזויפן פון נצחונות, וואָס מאַנכע האָט מען זיי כמעט ווי צוגעטראָגן אויף אַ גאָלדן טעלערל, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט דער לוסט צו מאָרדן, באַרויבן און באַהערשן די וועלט. די אויסשלאַכטונג און פאַרניכטונג פון אידן איז געווען דער ערשטער פונקט אין זייער טאָג־אָרדענונג. פוילן

מ ר ד כ י   ק ו פ ע ר

איז פאַרפלייצט געוואָרן פון די פאַשיסטישע מחנות, וואָס האָבן געטראָגן מיט זיך מאָרד און אומקום פאַר דעם אַריבער 3 מיליאָניקן אידישן קיבוץ. מיר, צוגלייך מיט אַנדערע הונדערטער טויזנטער אַמעריקאַנער אידן, וואָס האָבן איבערגעלאָזן הינטער זיך זייערע קרובים און נאָענטע, האָט גע־בלוטיקט דאָס האַרץ. מיר זיינען געוואָרן פאַרגליווערט פון שרעק, ווען מיר האָבן געהערט די ידיעות וואָס זיינען געווען מער ווי שרעקלעך.

ווען די ביטערע מלחמה האָט זיך דאָך געענדיקט מיט אַ מפלה פאַר די נאַציס, אַ דאַנק דער העלדישער רויטער אַרמיי, וועלכע האָט, צוזאַמען מיט די אַרמייען פון די אַליאירטע לענדער, צעשמעטערט דעם שלאַנגן־קאָפּ, האָבן מיר ערשט דערזען די רעזולטאַטן פון דער הערשאַפט פונעם בלוטיקן פאַשיזם.

ניט נאָר זיינען אַלע ביז־אַהעריקע ידיעות פון נאַצישער אכזריות באַשטעטיקט געוואָרן, נאָר עס זיינען אָנגעקומען פעק מיט גרוילהאַפטיקע איינצלהייטן, וועלכע האָבן דערציילט באריכות וואָס דער פאַשיזם האָט געטאָן צו אונדזער פאָלק אין פוילן.

דער ערשטער רעפּאָרט איז געווען, אַז בלויז 19 אידן זיינען פאַר־בליבן אין מיין שטעטל לעבעדיקע. איך בין דאַן געזעסן גאַנצענע טעג און איבערגעבלעטערט רשימות און ליסטן פון די לעבן־געבליבענע אידן, און געזוכט מיט ליכט אַ נאָמען פון אַן אייגענעם, אַ פריינט, אָדער אַ באַקאַנטן, אָבער אומזיסט! כ׳פלעג אַלע מאָל קומען אַהיים אַן אַנטוישטער. צווישן די מיליאָנען דערמאָרדעטע אידן איז אויך געווען מיין גאַנצע משפחה: ברידער, שוועסטער מיט זייערע פאַמיליעס. ס׳זיינען געווען פאַר מיר, ווי פאַר אַלע אַנדערע טויזנטער, שווערע טעג, טעג פון פיין און צער. אָבער די טויטע האָט מען דאָך שוין צוריק לעבעדיק נישט געקענט מאַכן. איז אַנטשטאַנען אַ נייער געפיל, דער געפיל פאַרצווועצן דאָס אידישע לעבן

מיין לעבן און שטרעבן

טראָץ דעם היטלעריזם. עס איז געקומען די „מצוה צו לעבן", וואָס דער שרייבער שלום אַש האָט דערמאָנט אין זיינער אַ דערציילונג.

איך האָב זיך מיטן גאַנצן פייער פון מיין נשמה אָפּגעגעבן צו העלפן די לעבן־געבליבענע פון מיין שטעטל. כ'האָב געהאָפט, אַז פון דער שארית־הפליטה וועט זיך אויפסנייי אַנטוויקלען אין מיין שטעטל אַ קליי־נער אידישער קיבוץ, וואָס וועט זיך דאָרט פאַרוואָרצלען אונטער באַדינ־גונגען פון אַ נייעם, דעמאָקראַטישן פוילן, וואָס זוכט צו באַקעמפן דעם אַנ־טיסעמיטיזם און די רעשטלעך פון דעם אַלטן פעאָדאַליזם. איך בין גע־ווען גרייט ביי צוטראָגן מיין פולן חלק פאַר דעם דאָזיקן צוועק, אָבער דער ווירקלעכער גאַנג פון לעבן האָט געקירעוועט אין אַן אַנדערער ריכטונג. די יעניקע, וואָס זיינען צוריק געקומען אין שטעטל, האָבן זיך געפילט אַזוי פאַרלאָרן, אַז צו־לאַנג האָבן זיי דאָרט נישט געקענט איינזיצן און באַלד טאַקע פון דאָרט אַנטלאָפן.

דער געדאַנק צו דערגרייכן אַמעריקע אָדער פּאַלעסטינע, אַוואו אַ טייל פון זייערע לעבעדיקע קרובים געפינען זיך, האָט זיי נייעם מוט און ענערגיע געגעבן צו נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט און זיך לאָזן איבער געפערלעכע וועגן, מיט דער האָפענונג פון דאָרטן צו דערגרייכן די ברעגן פון אַמעריקע.

ס'מוז, אגב, דאָ דערמאָנט ווערן, אַז געוויסערמאַסע זיינען זיי גע־שטויסן געוואָרן אויף דעם דאָזיקן וועג צוליב דער אומפאַראַנטוואָרטלע־כער פּראָפּאַגאַנדע פון אייניקע אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער. זיצן איצט עטלעכע הונדערט טויזנט אידישע פליטים אין די דייטשישע לאַ־גערן און וואַרטן אויף ניסים. צווישן זיי געפינען זיך אויך אַ דרייסיק לעבן־געבליבענע פון מיין שטעטל. אַ טייל וועט אפשר זיין צווישן די גליקלעכע, וועמען אַמעריקע וועט אַריינלאָזן, די אַנדערע וועלן אפשר

מרדכי קופער

פריער אָדער שפּעטער זיך אומקערן קיין פּוילן. ס׳איז מיין טיפער גלויבן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם וועט מיט דער צייט גענצלעך אוסגעוואָרצלט ווערן אין פּוילן, און די אידן וועלן דאָרט פרידלעך לעבן מיט זייערע שכנים, די פּאָליאַקן. זיי וועלן בויען צוזאַמען דאָס נייע פּוילן אויף גערעכטע דע־מאָקראַטישע יסודות.

מיין טיפסטער באַגער איז, אַז אונדזער שטעטל זאָל נישט בלייבן אידן־ריין, נאָר אָנשטאָט דעם זאָל אַ אידיש לעבן שפּראָצן און בליען דאָרט און מיר, די לאַנדסלייט פון קלאָדאָווע, זאָלן העלפן בויען און באַ־פעסטיקן אָט־דאָס נייע לעבן אין אונדזער שטעטל.

וועט אָט־די האָפענונג מיינע פאַרווירקלעכט ווערן? דאָס וועט די צוקונפט באַווייזן.

מעקס און ענאַ קופּער

* * *

מיט דעם פֿאַריקן קאַפּיטל פֿון מרדכי קופּער, מיין פֿאַרשטאָרבענעם מאַן, פֿאַרענדיקן זיך די בלעטער פֿון זיין לעבן ביז נאָך אַ קורצער צייט זייענדיק אין אַמעריקע. ווען ער אַליין וואָלט באַשריבן זיין שפּעטערדיקן לעבן אין אַמעריקע, וואָלט זיך באַקומען אַ גרויסער, דיקער בוך, אָבער ער אַליין האָט עס נישט באַוויזן צו טאָן. פֿילייכט איז ער געווען צופֿיל פֿאַרנומען אין דער געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט, אָדער אפשר האָט זיין שווער לעבן אים געשטערט אין דעם, דעריבער וויל איך צוגעבן און דער־גאַנצן, כאָטש אין קורצן, זיין לעבנס־מאַרשרוט דאָ אין אַמעריקע (אויף וויפֿיל איך ווייס און אויף וויפֿיל ער האָט מיר אַליין איבערגעגעבן).

נאָך איידער ער איז געקומען אין ניו־יאָרק, און נאָך איידער ער האָט זיך מיט מיר באַקאַנט, האָט ער שוין, זייענדיק אין מאָלדן (וואוהין ער איז געקומען פֿון דער אַלטער היים), געהאַט איבערגעלעבט אַ טיפֿע פּער־זענלעכע טראַגעדיע. ער האָט פֿאַרלוירן אַ געראָטן קינד און זיך גע'גט מיט זיין ערשטער פֿרוי. די דאָזיקע טראַגעדיע איז ביי אים פֿאַרבליבן טיף אין האַרצן אויף זיין גאַנצן לעבן, כאָטש ער האָט וועגן דעם כמעט קיינמאָל נישט גערעדט.

נאָך דעם, ווי ער איז געבליבן אַליין, איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק. זיין גרויס שטרעבן צו וויסן און לערנען האָט אים באַוועגט אויסצוגעפּי־נען דעם דעמאָלטדיקן לערער־סעמינאַר, און ער איז געוואָרן אַ סטודענט אין דער לערן־אינסטיטוציע. נאָך עטלעכע יאָר פֿלייסיק לערנען, האָט

מיין לעבן און שטרעבן

מרדכי געענדיקט אַלס אידישער לערער.

צו יענער צייט האָבן מיר זיך געטראָפן ביי אונדזער געמיינשאַפט־לעכער פריינדין (אויך אַ אידישע לערערין), מיר האָבן זיך שטאַרק באַ־פריינדעט און אין אַ האַלב יאָר אַרום חתונה געהאַט. מיר האָבן צוזאַמען געלעבט קאַרגע זיבעצן יאָר. די ערשטע יאָרן זיינען געווען זייער שווע־רע עקאָנאָמיש, אָבער אַזוי ווי מיר זיינען געווען מער אָדער ווייניקער יונג און אידעאַליסטיש, האָט די שווערע לאַגע אויף אונדז ניט צו שטאַרק געווירקט. ער, אַ מער באַוואוסטזיניקער פּאָליטיש, האָט אויף מיר גע־האַט אַ גרויסן איינפלוס. ער האָט, ווי מען זאָגט, מיך פּאָליטיש דער־צויגן.

ער אַליין האָט נאָך אונדזער חתונה זיך ברייט פאַרנומען מיט געזעל־שאַפטלעכער אַרבעט. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דעם פּראָטערנאַלן פּאָלקס־אָרדן, און האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער פּאַרטיי. אין די אָרגאַני־זאַציעס האָט ער פיל בייגעטראָגן אויפן קולטורעלן געביט. אין די ברענ־טשעס פון אָרדן איז ער שטענדיק געווען קולטור־דירעקטאָר. איז ער־געץ־וואו אויסגעקליבן געוואָרן אַ קולטור־קאָמיסיע, איז ער אַלע מאָל דאָרט געווען פאַרטראָטן.

נאָך האָבן זיך געמאַטערט אַ העלפט פון אונדזער צוזאַמענלעבן מאַ־טעריעל, האָט אונדז גענומען גרינגער ווערן צוביסעלך, ווען מרדכי האָט געעפנט אַ ביזנעס בשותפות מיט אַ יונגן מאַן, וואָס האָט אַריינגעלייגט אַביסל געלט אין אַ געשעפט.

מרדכי האָט זיך גענומען אַרויפאַרבעטן אין זיינע ביזנעס און מאַכן אַ זייער באַקוועמען לעבן. ער איז אָבער פאַרבליבן דער זעלבער אי־בערגעגעבענער טוער אין דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג. אדרבה, זייענ־דיק מער נישט געקוועלט פון דער נויט, האָט ער מיט אַ ברייטער האַנט

מרדכי קופער

געשטיצט די פאַרשיידענע קאַמפּאַניעס. ער האָט אַליין געגעבן אָנגעזעע־נעביישטייערונגען, און געמאַכט אַנדערע צו געבן.

די לעצטע יאָרן, ווען אין איראָפּע איז פאָרגעקומען די צווייטע וועלט־מלחמה, מיט די גרויליקע אַכזריות'ן פון היטלער'ן, ווען זעקס מי־ליאָן אידן זיינען אויסגעשאָכטן געוואָרן, האָט זיך מרדכי ווייטער אָנגע־שלאָסן אָן דער קלאַדאָוער סאָסייעטי פון זיינע לאַנדסלייט, און האָט זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין דער הילפס־אַרבעט פאַר די לעבן־געבליבענע. ער איז געקומען אין קאָנטאַקט מיט צענדליקער פּליטים. אַלע טאָג האָט ער באַקומען פּעק מיט בריוו פון איראָפּע, אין וועלכע מען האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל זיי פאַרבינדן מיט זייערע קרובים דאָ אין אַמעריקע, אָדער צו העלפן זיי דירעקט. ער האָט זיי געהאָלפן אויף ביי־דע אופנים, ווי עס איז נאָר מעגלעך געווען (הגם ער אַליין איז שוין גע־ווער שווער קראַנק, אָבער, ווי געזאָגט, האָט אים זיין געזונט־צושטאַנד ניט אָפּגעהאַלטן פון קיין אַרבעט.

ער האָט אויך געהאָלפן בויען דעם „בראָנקסער איקוף־ווינקל", ווייל קולטור־אַרבעט איז ביי אים געווען די וויכטיקסטע זאַך אין זיין לעבן.

שוין גאָר די לעצטע פאַר וואָכן פאַר דער אָפּעראַציע, ווען ער איז שוין שטאַרק קראַנק געווען, האָט ער נאָך אין דעם דאָזיקן „איקוף־ווינקל" געהאַלטן אַן איבערזיכט איבער שלום אַש'ס בוך „איסט ריווער". ער האָט באַגייסטערט דעם עולם מיט זיין טיפער אויפפאַסונג פון יעדער פּערזאָן אין בוך, און מיט זיין ליטעראַרישן צוזאַמענשטעל פון דער רעווי.

מרדכי האָט זיך נאָך פאַרמאָסטן אַ סך אַרבעט אויפצוטאָן און אַ סך פּלענער אויסצופירן, אָבער צום גרויסן אומגליק, האָט אים דער פּריצייי־טיקער טויט פון אונדז אַוועקגעריסן. איינע פון זיינע וויכטיקסטע פּלע־נער איז געווען: מאַכן אַ רייזע קיין איראָפּע און אָפּשטעלן זיך אויף אַ

מיין לעבן און שטערבן

שטיקל צייט אין פוילן. ער האָט געוואָלט שטודירן די דאָרטיקע לאַגע, כדי צו העלפן זיי אויף וויפיל מעגלעך בויען די נייע פוילן.

עס איז געווען צו באַוואונדערן ווי שטאַרק ער האָט געגלויבט אין זיין אידעאַל: קיין שומף אָדער אַטאַקעס, וואָס זיינען געווען געווענדט קעגן דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג, האָבן נישט געווירקט אויף אים. ער איז אַלע מאָל אָנגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט מיט דעם זעלבן טעמפּאָ. קיין אַרבעט איז פאַר אים צו קליין אָדער צו שווער געווען צו טאָן, אויב נויטיק. אַלץ האָט ער געטאָן מיט באַשיידנקייט, נישט גערעדט וועגן דעם און נישט באַרימט זיך מיט דעם. ער האָט געפילט זיין גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט צום קאַמף פאַר אַ שענערער און גערעכטערער וועלט.

אַזוי איז געווען מיין מאַן מרדכי קופּער.



צוויי לידער פון ענאַ קופּער

מרדכי קופער

* * *

געווידמעט דעם אָנדענק פון מיין אומפאַרגעסלעכן
מאַן מרדכי קופער.

שטייט אַ קבר גאָר אַ פרישער,
פון טרויעריק־לעבן נאָר געביין.
און צוקאָפּנס אויפן קבר
די מצבה, דער האַרטער שטיין.

בלאָזט אַ ווינטל גאָר אַ מילדער,
זינגען פויגל אין דער שטיל.
אַלעס רואיק, אָן געפילדער,
אָ, ווי טרויעריק איז מיין געפיל.

געווען אַ פרייַנט
און ניט געוואָרן;
גרויס מיין צער,
וואָס כ'האָב פאַרלאָרן.

דריקט מיין האַרץ
ווי אַ שווערער שטיין
דעם פאַרגליווערטן געוויין.

מיין לעבן און שטרעבן

וועמען עס האָט דער טויט פאַרדעקט,
איז פאַר קיינעם נישט אַנטפּלעקט.
זיין נשמה מיט איר שטרעבן
פאַר אַ שיינעם, גערעכטן לעבן.

שטייט אַ קבר גאָר אַ פרישער,
פון טרויעריק־לעבן נאָר געביין.
און צוקאָפּנס אויפן קבר
די מצבה, דער האַרטער שטיין.

אויגוסט, 1947

מרדכי קופער

וואָס טויג מיר . . .

א ליד פון ענאַ קופער

געווידמעט דעם אָנדענק פון מיין געליבטן מאַן
מעקס קופער.

וואָס טויגן מיר די טייכן מיטן קלאָרן וואַסער,
וואָס טויגן מיר די פעלדער מיטן גרינעם גראָז;
וואָס טויגן מיר די סעדער מיט זאַפטיקע פרוכטן,
וואָס טויגן מיר די ווייַנגערטנער פאַר זיסן וויין, —
אַז דו ביסט ניטאָ.

וואָס טויג מיר די זון מיט אירע ליכטיקע שטראַלן,
וואָס טויג מיר דער קלאָר־בלויער הימל.
וואָס טויג מיר דער דורכזיכטיקער מילדער ווינטל,
וואָס טויג מיר דער פריידיקער זומער, —
אַז דו ביסט ניטאָ.

וואָס טויג מיר די שטאָט פול מיט מענטשן,
וואָס טויגן מיר די שוי־פענצטער פול מיט סחורה;
וואָס טויג מיר די הויז,
וואָס טויג מיר די גאַס, —
אַז דו ביסט ניטאָ.

מיין לעבן און שטרעבן

וואָס טויגן מיר די קאָנצערטן,
וואָס טויגן מיר די בעלער,
וואָס טויגן מיר די ספעקטאַקלען,
וואָס טויגן מיר די מואוויס, —
אַז דו ביסט ניטאָ . . .

עס פרייט זיך קיין זאַך מער,
איך טו נאָר און קלער ;
עס טרויערט מיין האַרץ
און מיין טרייסט איז מיין טרער.

סעפּטעמבער, 1947

לִיד פֿון דייוויד יוזשאַניק

צום פריצייטיקן טויט פון חבר מאַקס קופּער

פון דייוויד יוזשאַניק

שטילע שטימע,
גלייכער בליק . . .
וועסט ניט קומען מער צוריק . . .
ביסט פון אונדז, ערשט היינט, אַוועק
מיטן אייביק שטומען וועג . . .

נאָר דער ליכטיקער געשטאַלט
פון דיין אמת־מענטשלעך האַרץ,
וועט מיט אונדז דאָ זיין אין קאַמף,
ביז דער גרויסער טאָג פון זיג
וועט פאַרווירקלעכן דיין טרוים:
פון אַ וועלט פון מענטשן־גליק,
פון אַ וועלט אָן ליידן־תהום,
פון אַ וועלט פון זונענשיין, —
אייביק שאַפן, אייביק זיין . . .

שלאָף, דערוויילע, חבר, שלאָף! . . .
ניט אומזיסט האָסטו געלעבט
און געליטן, און געשטרעבט . . .
אייביק לעבט אין אונדז דער העלד,
וועלכער בויט אַ נייע וועלט . . .

יולי 24, 1947.